בעזרת השם יתברך

גליון
חדושת בית המדרש
בענין מורא מקדש ושתיקה יפה בשעת התפלה

יוצא לאור
מדי חודש
בכל שבת מברכים

גליון קכה

שבת מברכים
ניסן
תשפ"ה

לעילוי נשמתו הטהורה של עמוד צלותהון ובעותהון דישראל מופת הדור מרן קוה"ק הרה"ק מטאהש
רבינו **משולם פייש**
בן רבי מרדכי סג"ל וצירל
זכותו יגן עלינו ועכ"י

# א טאנץ אינעם בית החיים

ווען ר' יצחק און זיין אשת חיל זענען ארויסגעגאנגען פון דעם פראכטפולן אפיס סטאנציאנירט הויעך אויפ'ן מאיעסטעטישן וואלקן-קראצער, האט ער בכלל נישט אויפגעפאסט אז אלע ארומיגע קוקן אים אן מיט וואונדער, און עס איז געווען פארוואס, זיין גאנצע גאנג איז געווען 'הלוך ילך ובכא' אין פולן זין פוןווארט, ווען פון זיינע אויגן גיסן טייכן טרערן, נאך וואס זיין לעצטע האפענונג איז אים צערינען פארנט פון די אויגן.

אים איז אבער גארנישט אנגעגאנגען, דער וועלט איז פארטונקלט געווארן פאר אים, ווי קיינמאל בעפאר...

• • •

יצחק איז פון אלעמאל אן געווען אויף די 'גוטע זייט', אנגעהויבן פון די חדר יארן, וואו ער איז אויפגעוואקסן צווישן די בית שמש'ער גאסן אלס א וואויל קינד, דאן אין די ישיבה יארן ווי ער האט געהארעוועט על התורה ועל העבודה, און קומענדיג פון א וואויל בארימטע משפחה האט ער ווי ערווארטעט שנעל געטראפן זיין באשערטע און חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת, ארויסקוקנדיג אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל.

אבער ווען עטליכע יאר זינט די חתונה זענען פאריבער, און דער הויז איז פארבליבן די זעלבע שטיל, האט דאס אנגעהויבן זייער צו באזארגן ר' יצחק, נאכדערצו ווען מיט די צייט האבן זיינע חברים און יונגערע ברידער אנגעהויבן מאכן חאלאקעס פאר זייערע קינדערלעך און איינמאל און נאכאמאל האט ער זיך געטראפן גיין צו זיין חבר'ס פינפטע שלום זכר, אלעס אין די צייט וואס ביי אים אינדערהיים איז נאך געווען ווי שנה ראשונה...

בצר לו איז יצחק אריין אל הקודש פנימה צו זיין רבי, וועלכע איז דאן געווען שוין פון די זקני האדמו"רים אין ארץ ישראל, און זיך אויסגעוויינט זיין פארביטערטע הארץ וועלכע כאפט פרישע קלעפ יעדעס מאל ער מאכט אויף די טיר און די שטילע קליינע הייזקע ענטפאנגט אים, אדער ווען מען איז אים מכבד צו בעיביסיטן זיין שוואגערס קינדער נאך וואס ער האט דאך גענוג צייט פארדעם...

דער רבי האט אים אויסגעהערט און שטארק מיטגעפילט זיין צער. ער פארטראכט זיך א ווילע און רופט זיך אן מיט א שוואכע שטימע: "זעה צו טוען די ריכטיגע השתדלות, וועסטו געהאלפן ווערן".

מיט עטליכע וואכן שפעטער איז דער רבי נפטר געווארן אין א טיפן עלטער.

פאר ר' יצחק זענען דעם רבי'נס לעצטע ווערטער צו אים, "דו זאלסט טוען די ריכטיגע השתדלות" געווען ווי א פערזענליכע צוואה, אין דעם האט ער אריינגעלייגט זיין גאנצע האפענונג.

מיט ענערגיע איז ער געגאנגען פון עסקן צו עסקן, פון איין ארגאניזאציע צו די אנדערע, אלע האבן אים אויסגעהערט און רעקאמענדירט געוויסע דאקטוירים און קליניקס איבערן לאנד, אנדערע האבן אים אפילו צוגעשטעלט פינאנציעלע הילף, אבער נאך עטליכע יאר אזוי ארומוואנדערן האט ער זיך געטראפן ביים זעלבן שטאפל, נאך האלטנדיג נאך ביים אל"ף.

אין זיין ענגשאפט האט ער זיך ארויסגעלאזט מיט זיין אשת חיל קיין אמעריקע, ווי מען האט אים אנגעוויזן אז דארט געפינען זיך די גרעסטע דאקטוירים אין דעם געביט.

אנקומענדיג קיין ניו יארק האט זיך ר' יצחק איינקווארטירט אין וויליאמסבורג, עסקנים און גוטע אידן האבן אים פארזארגט מיט א דירה, און פון דארט האט ער געמאכט טעגליכע טריפס אריין קיין מאנהעטן ווי ער האט באזוכט ביי א רייע גרויסע דאקטוירים.

אבער איינס ביי איינס האבן די דאקטוירים געהויבן די הענט, ערוועגענדיג אז זיי זעען נישט קיין שום וועג פאר אים געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא.

טראץ די אלע שווארצע דיאגנאזעס, האט ר' יצחק נישט געהויבן הענט, מיט אן אומבויגזאמע עקשנות האט ער געקלאפט אויף יעדע טיר וואס ער האט נאר געזען דארט א שטראל פון האפענונג, ביז עמיצער האט אים דערציילט פון

א געוויסע דאקטער סטאנציאנירט אין די ווייטע סאן פראנציסקא אויף וועמען מען פארציילט אותות און מופתים, אסאך פאציענטן וואס אנדערע דאקטורים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיי, זענען געהאלפן געווארן דורך אים בסייעתא דשמיא.

ווי פארשטענדליך באדייט אזא באזוך א פארמעגן מיט געלט, און נאך אלעם איז נישט זיכער אז מען ווערט אנגענומען, וויבאלד די ווארט ליסטע איז גאר א לאנגע, פון די גאנצע וועלט ווענדט מען זיך צו דעם דאקטאר. אבער פאר ר' יצחק האט געקלינגען אין די אויערן די ווערטער פון זיין רבי "זעה צו טוען די ריכטיגע השתדלות וועסטו געהאלפן ווערן!" זיכער האט דאס די רבי געמיינט, האט ר' יצחק געטראכט צו זיך, ווייל אלעס ביז אהער האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין נישט אפעקטיוו, בלייבט נישט איבער קיין ספק אז דאס איז די ריכטיגע השתדלות וואס איך קען נאך טוען צו ווערן געהאלפן.

נאך א סעריע פון שווערע שתדלנות דורך די גרעסטע עסקנים אין ניו יארק, איז געלונגען פאר ר' יצחק צו באקומען אן אפוינטמענט ביי דעם דאקטאר אויף א וואך דערויף, מיט שפאנענדע האפענונג האט ער ארויסגעקוקט אויף דעם מאמענט וועלכע וועט האפנטליך דעצידירן זיין גורל צום גוטן.

ווען דער טאג איז געקומען האט ער געכאפט דעם פליגער קיין סאן פראנציסקא, און תיכף צוגעפארן צו די גרויסע וואלקן-קראצער געביידע אין וועלכע דער פריוואטע קליניק פון דעם דאקטער איז סטאנציאנירט, פון די מאיעסטעטישע ווענט און ריזיגע גלאזערנע פענסטער איז געווען שטארק קענטיג אז דער דאקטאר לאזט זיך ווירקליך שיין באצאלן פאר זיין ארבעט...

ווען עס איז געקומען די רייע פון ר' יצחק און זיין רביצין אריינצוגיין צום דאקטאר, האט ער זיי שוין אפגעווארט גרייט מיט אלע פיילס. מיט ישוב הדעת האט ער גרונטליך אנאליזירט די טעסט וואס זיין שטאב האט גענומען בעפאר דעם, ווען זיין פנים זאגט בכלל נישט אן קיין גוטס.

"מיסטער איזאאק", רופט זיך דער דאקטער אן צו אים, "מיין מיינונג איז אז עס איז א שאד פאר אייער צייט, לויט ווי מיין לאנגיעריגע ערפארונג ווייזט, איז נישט פארהאן אפילו איין שאנס אז איר זאלט נאך אמאל אין די וועלט האלזן אן אייגן קינד!"

ווען ר' יצחק האט דאס געהערט, האט ער געמיינט אז ער פאלט אראפ צו דער ערד. נאך אזויפיל הארעוואניע, אזויפיל געלט אויסגעגעבן, דארף ער יעצט הערן די שווארצע בשורה אז עס איז נישט דא קיין האפענונג פאר אים, אוי באשעפער ווי נעמט מען די כוחות.

צובראכן ווי א שארבן האט ער געמאכט דעם וועג צוריק קיין ארץ ישראל, ווען די גאנצע וועג הערט ער נישט אויף צו וויינען צום באשעפער קלי' קלי' למה עזבתנו, פארוואס האסטו מיר איבערגעלאזט? איך האב אזוי געוואלט געהאלפן ווערן.

נאכ'ן אנקומען צוריק קיין ארץ ישראל איז ער - נאך בעפארן אהיים גיין צו זיין דירה - צוגעפארן צו די ציון הק' פון זיין רבי און מיט א ביטערליכע געוויין האט ער זיך אויסגערעדט זיין הארץ, "רבי, דו האסט מיר פארשפראכן אז ווען איך וועל טוען די ריכטיגע השתדלות וועל איך געהאלפן ווערן, רבי איך בין געווען אין אמעריקא, איך האב איבערגעדרייעט די גאנצע וועלט, און גארנישט, די ישועה זעט זיך נאך בכלל נישט אן אויפן האריזאנט".

אזוי וויינענדיג אויפן רבי'נס ציון, האט זיך ר' יצחק עפעס געכאפט--- ווער זאגט אז די רבי האט געמיינט מאטעריאליסטישע השתדלות? אפשר האט דער רבי גאר געמיינט אינגאנצן עפעס אנדערש, 'ריכטיגע' השתדלות?

"מיסטער איזאאק", רופט זיך דער דאקטער אן צו אים, "מיין מיינונג איז אז עס איז א שאד פאר אייער צייט, לויט ווי מיין לאנגיעריגע ערפארונג ווייזט, איז נישט פארהאן אפילו איין שאנס אז איר זאלט נאך אמאל אין די וועלט האלזן אן אייגן קינד!"

ער האט זיך דערמאנט אז דער רבי פלעגט אסאך פארפירען אז מען טאר נישט רעדןביים דאווענען פון אנהויב ביזן סוף אפי' ביי א מנין ווי מען דאווענט נישט מיט און אז נאר אזוי ווערן די תפילות אנגענומען!!!

"רבי", האט זיך ר' יצחק ספאנטאן אנגערופן שטייענדיג דארט ביים ציון, "איך נעם זיך פאר אז פון היינט ביז מיין הונדערט און צוואנציג, וועל איך אננעמען א מורא'דיגע זהירות אין מורא מקדש, נישט צו רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה. און אויב וועל איך בעז"ה געהאלפן ווערן, וועל איך שטענדיג איינווארצלען אין מיינע דורות די הארבקייט דערפון און זיי מחנך זיין צו א געוואלדיגע זהירות אין קדושת בית המדרש, ריכטיג אפצוגעבן דעם כבוד פאר דעם אויבערשטנס הויז".

דאן האט ער גענומען פון די קוויטל פאפיר אויפ'ן ארט, ארויפגעשריבן דערויף זיין קבלה, ווען דערביי איז ער מזכיר בדמעות שליש זיין נאמען. דערנאך האט ער פארלאזט דעם בית החיים, ווען א שווערע שטיין גליטשט זיך אראפ פון הארץ.

• • •

ווייניגער ווי פיר יאר איז פאריבער פונעם יענעם טאג, ווען דער רעלאטיוו ווירבלדיגער בית החיים איז ווי אפגעשטעלט געווארן, א גליקליכע שיירא פון אידן מארשירן ארויף גראד צום אוהל פונעם רבי'ן, אין שפיץ פון די מאסע שפאנט דער איבערראשטער ר' יצחק ווען אין זיין האנט געפינט זיך א לעכטיגע אוצר איינגעוויקלט אין א טלית, פון וועמען דער קליינטשיגע אפשערן קאשקעטל שטארצט ארויס און דערציילט פאר אלעמען וואס דער שמחה היינט איז...

ר' יצחק קומט אן צום ציון, ער לייגט אראפ דערנעבן זיין אינגעלע וועלכע טראגט טאקע דעם נאמען פונעם רבי'ן זכרונו לברכה, מיט א גערירטע שטימע רופט ער אויס צו די גרויסע עולם פון ידידים און גוטע פריינד וועלכע זענען מיטגעקומען מיט אים:

"מי שברך אבותינו, אברהם יצחק ויעקב, משה ואהרן, דוד ושלמה, הוא יברך את כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפילה... ויזכה לראות בנים חיים וקימים ויגדלם לתורה לחופה ולמעשים טובים... ונאמר אמן!"

נאך א קלינגעדיגע אמן האט זיך דער גאנצע ציבור ארויסגעלאזט אין א פייערליכע טאנץ, סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל!

צו באקומען דעם גליון פאר
אייער ביהמ"ד שיקט אריין אייער
אינפארמאציע צו:
yisroel@delsangroup.com

אלע מעשיות זענען אמת'ע און באשטעטיגטע געשיכטעס וואס האבן ווירקליך פאסירט. איר קענט אויך איבערגעבן מעשיות וואס האבן ביי אייך פאסירט, אדער וואס איר האט געהערט פון א גוטן, פארלעסליכן מקור און מיר וועלן דאס בע"ה מפרסם זיין.

איבערצוגעבן פארן גליון
מאמרים והערות, ביטע רופט:
514.967.2434

אויב איר ווילן נעמען א טייל אין די גרויסע זכי' צו מפרסם זיין אונזער גליון, ערלויבן מיר דאס נאכדרוקן און פאר־שפרייטן אין ארגינעלן פארמאט לזכות את הרבים. ולמצוה גדולה יחשב!